NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13250

KINDERVELT

Boris Smolar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדערפֿריינד

ב. סמאָליאַר



קינדערוועלט

ב

„קינדערפֿריינד“,
וואַרשע

נומער
3
39/1938
פֿערטער יאָרגאַנג

טעקסט
ב. סמאָליאַר

צייכענונגען
י. ריבאַק

אונדערוועלט

פאַרלאַג „קינדערפֿרײַנד“, וואַרשע 1938

די ערשטע אויפלאגע פון דעם דאזיקן בוך איז
ארויסגעגעבן געווארן דורכן פארלאג „שוועלן״,
בערלין, אין יאר 1924

Printed in Poland

B. SMOLAR
KINDERWELT

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1938

ופצעריי ה. גלאנק, מוראנאווסקע 28 ה. 25

Druk. „Renoma", Warszawa

דאָס פּיצעלע קינד,
וואָס איך פאַרמאָג,
איז זיס ווי האָניק
און קלוג ווי דער טאָג.

עס קאָן נאָך נישט רעדן,
אָבער כ'ווייס, וואָס עס מיינט
סײַ ווען עס שפּילט זיך,
סײַ ווען עס וויינט.

כ׳דאַרף האָבן דאָס הינטל
צו היטן דאָס הויז;
כ׳דאַרף האָבן דאָס קעצל
צו כאַפּן א מויז;

כ׳האָב אויך פֿי, נוצן
פֿון אונדזער קו;
אָבער צו וואָס קאָן מיר טויגן
אַזאַ מיידל ווי דו?...

עטל די קליינע
האָט געשפּילט זיך אין קיך,
איז געקומען דאָס קעצל
און פֿאַרשלעפּט אירע שיך.

זיצט עטל די קליינע
אין שטוב איצט אַליין,
און וואַרט ביז די מאַמע
וועט קומען צו גיין.



מײַן מיל דאַרף האָבן ווינט, ווינט, ווינט,
אַנדערש גייט זי נישט געשווינד.
זי מוז זיך דרייען שנעל, שנעל, שנעל,
צו מאָלן קאָרן און מאַכן מעל.
דערפֿאַר דאַרף זי האָבן ווינט, ווינט, ווינט,
אַנדערש גייט זי נישט געשווינד.



דער טאַטע האָט געבראַכט אַ זייגער אין הויז,

קוק איך אויף אים און איך טראַכט:

ווען שלאָפט דער זייגער זיך אויס,

אַז ער גייט סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט?...

– שוסטער, שוסטער!

– איך, איך, איך!

– נאַ דיר מײַנע אַלטע שיך.

װען איך צײל אָפּ: אײנס, צװײ, דרײַ!

מוזסטו מיר זײ מאַכן נײַ.

היי, דידל־דידל־דידל!
די קאַץ האָט זיך צעשפּילט אויפֿן פֿידל,
די קו איז געגאַנגען אַ טאַנץ אויפֿן דאַך,
און דער הונט האָט פֿאַר פֿרייד געגעבן אַ לאַך.
האָט די שיסל דערזען, וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן,
האָט זי געכאַפּט די לעפֿל און איז אַנטלאָפֿן.

מײַן מײדעלע ראָזע
גײט שלאָפֿן צו שפּעט,
זי קאָן דערפֿאַר מאָרגן
נישט אױפֿשטײן פֿון בעט.

זי שלאָפֿט זיך נישט אױסעט...
נו, װײנט זי און שרײַט,
און שטײט אױף כּסדר
אױף דער לינקער זײַט...

מײַן מאַמע איז אַ גוטינקע,
זי טוט מיר אַלץ צוליב,
זי קויפֿט מיר נײַע שפּילעכלעך,
כ׳האָב דערפֿאַר זי ליב.

זי קויפֿט מיר שיך און זעקעלעך
און אַלעס, וואָס איך וויל:
אַ בײַטשל און אַ פֿערדעלע,
אַ שיפֿל און אַ מיל.

דער וואַלד איז די שטאָט פון די ביימער,
דאָרט וואַקסן די ביימער זיך שטיל,
זיי שטייען ווי נאָענטע שכנים,
און יעדערער וואַקסט ווי ער וויל.

די פייגל דאָרט שפּרינגען און שטיפן,
זיי זיצן נישט אײַן אויף קיין אָרט.
פונקט ווי בײַ אונדז דאָ, די קינדער,
אַזוי איז אין וואַלד בײַ זיי דאָרט.



כ׳קען אַ קינד, וואָס שרײַט און טומלט
און לאָזט די מאַמע נישט צו רו;
דו ווילסט וויסן, ווער דאָס קינד איז?
נישט דו, אָ, ניין! נישט דו.

כ׳קען אַ קינד, וואָס וויל נישט פאָלגן,
און צו דער שוועסטער שטייט עס צו;
דו ווילסט וויסן, ווער דאָס קינד איז?
נישט דו, געוויס נישט דו...



רעגנדל, רעגנדל,
הער שוין אויף צו שפּריצן,
די קינדערלעך, די קלייניקע,
ווילן איז שטוב נישט זיצן.

זונענשײַן, זונענשײַן,
טרוקן די ערד אין גאַנצן!
מיר ווילן לויפן אויף דער גאַס,
שפּילן זיך און טאַנצן.

וויין נישט, קליין בובעלע,
עס איז דאָך נישט שיין,
די מאַמע וועט באַלד
צו דיר קומען צו גיין.

זי איז איצט פאַרנומען,
זי קאָכט איצט אין קיך;
זי גרייט גוטע זאַכן
פאַר בובען און זיך.

עס נעמט מיך אָן בײַם הענטעלע
מײַן גוטע מומע חווה,
זי קוקט מיר אין די אייגעלעך
און פרעגט בײַ מיר טשעקאַווע:

„זאָג דעם אמת, רבקהלע,
עס וועט דיר גאָר נישט שאַטן,
וועמען האָסטו בעסער ליב, —
די מאַמע צי דעם טאַטן?"...

„כ'ליב זיי ביידן, מומעניו,
דעם טאַטן און די מאַמע.
כ'האָב זיי ביידן ליב באַגלײַך,
ביידע צוויי צוזאַמען".

Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פרייז 30 גר. № 3 8 LISTOPADA 1938

„Kinder-Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa I, Nowolipki 30 m. 31

אין פארלאג
„קינדערפריינד"
זענען נאך די פעדאגאגישע
א ו י ס ג א ב ע ס
דערשינען :

ראבינזאן קרוזא

212 זייטן מיט 14 פלאנשעטן
פראכטבאנד—פרייז 2,75 גילדן.

פ י נ א ק י א

152 זייטן מיט 70 בילדעלעך
פראכטבאנד—פרייז 2,25 גילדן

— פרייזן נעטא —
פון די פרייזן דארפן קיין שום רעבאטן
ניט געגעבן.

אדרעס פאר בריוו:
„Kinderfraind" Warszawa I,
Nowolipki 30 31
אדרעס פאר געלט:
דורך פאסט טשעקאו ראכונעק—
Kartoteka 662.